


בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

**געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.**
**צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק**
**און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.**
**וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.**

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת כי תשא תשפ"ה

גליון 407

# אמרות שמשון

## גרויסקייט פון הכנות ערב שבת קודש

**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם** (לא, טז). עס שטייט אין חז"ל (ילקוט שמעוני, כי תשא רמז שצ"א), 'כל מי שמשמר את השבת כתיקונה מעלה עליו כאילו שמר כל השבתות מיום שברא הקב"ה העולם עד שיחיו המתים'. דער וואס היט שבת אזוי ווי עס דארף צו זיין, ווערט גערעכנט כאילו ער האט געהיטן אלע שבתות פון בריאת העולם ביז תחיית המתים.

**לכאורה** איז א וואונדער, ווי אזוי קען מען געבן שכר פאר א מענטש אויף עפעס וואס ער האט נישט געטון, ווי אזוי קען מען געבן שכר פארן מענטש אויף אלע שבתות פון בריאת העולם ביז תחיית המתים?

**מען** קען ערקלערן, לויט ווי עס ווערט געברענגט פון די מקובלים (שער הכוונות ענין ליל ו', סב.), ערב שבת פאנגט שוין אן צו אויפשיינען אינעם מענטש די נשמה יתירה, און דער טאג פרייטאג איז א הייליגע טאג וואס מען גרייט זיך צו שבת קודש, כדי מען זאל זיין גרייט צו מקבל זיין שבת מיט א שמחה און געשמאק.

**עס** שטייט אין חז"ל (חגיגה יג:) עס איז געווען נשמות פון רשעים פון תתקע"ד (974) דורות וואס וואלטן געדארפט באשאפן ווערן איידער די וועלט איז באשאפן געווארן, אבער למעשה זענען זיי נישט באשאפן געווארן, און דער אויבערשטער האט זיי אויסגעשפרייט במשך די אלע דורות, און זיי זענען די 'עזי פנים' פון יעדן דור.

**און** עס שטייט פון די מקובלים (רמ"ע מפאנו, צבאות ה' ח"ד ד"ה נקטינן), די מצות וואס מען טוט ערב שבת לכבוד שבת, איז א תיקון פאר די נשמות פון די תתקע"ד דורות, עס איז מרומז אין ער"ב שב"ת וואס איז גימטריא תתקע"ד.

**מיט** דעם קען מען ערקלערן, אז דאס איז פשט אין חז"ל, ווען איינער איז שומר שבת כתיקונה, וואס דאס מיינט ער גרייט זיך צו צום שבת ווי עס דארף צו זיין, און ער איז 'שומר' (מלשון ואביו 'שמר' את הדבר, בראשית לז, יא) און ווארט די שבת זאל קומען צו קענען מקבל זיין שבת בקדושה ובטהרה, ווערט גערעכנט כאילו ער האט אפגעהיטן אלע שבתות פון די וועלט, ווייל דערמיט האט ער מתקן געווען אלע נשמות פון די תתקע"ד דורות, וואס דער אויבערשטער האט אויסגעשפרייט במשך אלע דורות פון בריאת העולם ביז תחיית המתים, וואס זייער תיקון ווערט נאר דורך די הכנות פון שבת קודש. (אות ו' ד"ה מדרש)

## מי שטרח בערב שבת

**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת** (לא, טז). עס ווערט געברענגט פון די מקובלים (שער הכוונות ענין ליל ו', סב.), די גרויסקייט פון ערב שבת, וואס דעמאלטס שיינט שוין אויף די נשמה יתירה, און עס איז א הייליג טאג זיך צו גרייטן צום שבת קודש, עס צו קענען מקבל זיין מיט א שמחה און רואיגקייט.




חדש! חדש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים




תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!

שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

**בפרט** וואס דורכדעם וואס מען גרייט זיך צו שבת ווי עס דארף צו זיין, נאכדעם ווען עס קומט שבת קען מען מכבד זיין די שבת ווי עס פאסט, ווייל מען האט אלעס גוט צוגעגרייט, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (עבו"ז ג.) 'מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת'.

**לויט** דעם קען מען פארטייטשן פשט אין פסוק **וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת**, ווען מען וועט אפהיטן די שבת, דורכדעם וואס מען וועט זיך צוגרייטן און ווארטן צו קענען מקבל זיין שבת (מלשון ואביו 'שמר' את הדבר, בראשית לז, יא), וועט מען זוכה זיין **לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**, מען וועט קענען מכבד זיין די שבת און זיין אפגעהיטן מיט אלע הלכות פון שבת קודש. (אות ו' ד"ה ועוד)

## 'יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך'

**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת** (לא, טז). עס שטייט אין חז"ל (שבת קיט:) שבת ביינאכט באגליטן צוויי מלאכים דער מענטש, אויב איז זיין שטוב שיין צוגעגרייט פאר שבת, וואונטשט דער גוטער מלאך - 'יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך' - קומענדיגע שבת זאל אויך אזוי זיין, און דער שלעכטער מלאך ענטפערט אמן.

**לויט** דעם קען מען פארטייטשן פשט אין פסוק, **וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת**, אויב וועט מען אפהיטן שבת און מען וועט מכבד זיין די שבת ווי עס פאסט, וועט מען זוכה זיין צו די ברכה פונעם גוטער מלאך, און עס וועט זיין **לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת** קומענדיגע שבת וועט מען אויך אזוי קענען טון און ווייטער מכבד זיין די שבת. (אות ו' סוף ד"ה ועוד)

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לזכר נשמת
הגה"ק רבי
אלכסנדר זיסקינד
ב"ר משה זיע"א
בעל 'יסוד ושורש העבודה'
אשר הבטיח להיות מליץ טוב בתמידות בעד מי שיקבע לימוד יומי בספרו
נלב"ע ח"י אדר ב' תקנ"ד
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת
רבי מיכאל רפאל
בן נובר בכורה ז"ל
נלב"ע טוב אדר תשס"ו

יעקב בן מזל טוב ז"ל
נלב"ע י"ד אדר תשע"ג

מרת שרה פרי
בת זהבה
נלב"ע י"ז אדר א תשפ"ב

יוסף בן טאוס ז"ל
נלב"ע כ' אדר ת.נ.צ.ב.ה.

הצלחה וברכה
צבי יצחק דוב
בן גיטל חיה
זוגתו מרים סאבל
בת אסתר
שיזכו לרוב ברכה והצלחה גדולה בכל מעשי ידיהם ויראו רוב שמחה ונחת מכל יוצ"ח

זיווגים בקרוב
שלמה מנחם
בן מלכה ברכה
יהודה אריה לייב
בן מלכה ברכה
שיזכו לזיווגים הגונים בקרוב ממש מתוך אושר ושמחה

זש"ק בקרוב
אברהם מאיר בן מרים
וזוגתו שרה זיסל
בת מרים חוה
להיפקד בזרע של קיימא בקרוב ובניקל מתוך שמחה ונחת ובריאות

שפע וזש"ק
יצחק בן רחל
וזוגתו
רינה בת לינדה
להיפקד בזש"ק ולרוב ברכה ושפע בלי גבול ומדה

הצלחה מרובה
שאול בן רחל
לשפע ברכה עושר והצלחה גדולה בעסקיו בלי דאגות ולחצים

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים
התורמים
ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד ובשורות טובות בקרוב ממש

## דאפעלטע שכר לעתיד לבא

**וַיְהִי כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל הַמַּחֲנֶה וַיַּרְא אֶת הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָיו אֶת הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר** (לב, יט). עס ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו (רבה פרק י"ט), נאכדעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן עגל און משה רבינו האט צובראכן די לוחות, איז נגזר געווארן אויף כלל ישראל זיי זאלן לערנען תורה מיט שוועריקייטן, ארימקייט און צער, אבער לעתיד לבא וועט דער אויבערשטער באצאלן דערפאר מיט א גרויסע דאפעלטע שכר. (וזה לשונו, כשנשתברו הלוחות נגזרה גזירה על ישראל, שילמדו תורה מתוך צער, מתוך שעבוד, מתוך הטלטול, מתוך הטירוף, ומתוך הדחק, ומתוך שאין להם מזונות. ובשביל אותו הצער שמצטערין הקב"ה עתיד לשלם להם שכרן לימות המשיח כפול ומכופל, שנאמר (ישעיהו מ, י) ***הִנֵּה ה' אֱלֹקִים בְּחָזָק יָבוֹא*** וגו' ***הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ וּפְעֻלָּתוֹ לְפָנָיו***).

**מען** קען צולייגן נאך א סיבה פארוואס דער אויבערשטער וועט עקסטער באצאלן מיט א דאפעלטע שכר פארן לערנען תורה נאכן חטא העגל. לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (עירובין נד.) 'אלמלא לא נשתברו הלוחות הראשונות לא נשתכחה תורה מישראל', אויב וואלט די ערשטע לוחות נישט צובראכן געווארן, וואלט מען נישט פארגעסן די תורה וואס מען לערנט.

**אבער** עס איז גוטע זאך פארן מענטש אז ער פארגעסט וואס ער לערנט, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (קהלת רבה א, יג), 'לטובתו אדם למד תורה ושוכח', ווייל אויב וואלט מען גארנישט פארגעסן וואלט מען געלערנט צוויי - דריי יאר, דערנאך וואלט מען אפגעלאזט די תורה און מער נישט געלערנט, אבער וויבאלד מען פארגעסט, מוז מען כסדר לערנען נאכאמאל און נאכאמאל נישט צו פארגעסן די תורה.

**און** דערפאר וועט דער אויבערשטער עקסטער באצאלן, פאר דעם וואס דער מענטש לערנט און חזר'ט איינמאל און נאכאמאל, און דאס קומט נאר נאכן חטא העגל וואס מען פארגעסט וואס מען לערנט און מען מוז האלטן אין איין חזר'ן די תורה. (אות כ"א ד"ה ועוד)

## לערנען תורה מיט עמל און יגיעה

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים וְכָתַבְתִּי עַל הַלֻּחֹת אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל הַלֻּחֹת הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ** (לד, א). עס שטייט אין חז"ל (תנא דבי אליהו רבה פרק י"ט) נאכדעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן עגל און משה רבינו האט צובראכן די לוחות, איז נגזר געווארן אז כלל ישראל זאל לערנען תורה מיט שוועריקייטן, ארימקייט און צער, אבער לעתיד לבא וועט דער אויבערשטער באצאלן דערפאר א דאפעלטע שכר.

**דער** פשט דערפון איז, וויבאלד די ערשטע לוחות איז געמאכט געווארן דורך דער אויבערשטער אליין'ס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (לב, טז) ***וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה***. און כלל ישראל וואלט געלערנט תורה אן קיין מוטשעניש און פלאג, אזוי ווי דער אויבערשטער וואס האט באשאפן די וועלט מיט א לייכטקייט און קיין עמל ויגיעה.

**דאקעגן** די צווייטע לוחות האט משה רבינו אליין'ס אויסגעשניצט, און אלעס וואס א מענטש טוט קומט מיט טירחא און יגיעה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איוב ה, ז) ***כִּי אָדָם לְעָמָל יוּלָּד***, דעריבער דארף מען לערנען תורה מיט עמל און יגיעה.

**אבער** טראץ וואס דאס איז געקומען צוליב וואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן עגל, וועט דער אויבערשטער באצאלן דערפאר לעתיד לבא מיט א דאפעלטע שכר פארן זיך מוטשענען און לערנען תורה מתוך הדחק. (אות כ"א ד"ה ולכן)

## משה רבינו ווערט רייך פון די צובראכענע לוחות

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים וְכָתַבְתִּי עַל הַלֻּחֹת אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל הַלֻּחֹת הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ** (לד, א). עס שטייט אין חז"ל (נדרים לח.) 'לא העשיר משה, אלא מפסולתן של לוחות', די רייכטום פון משה רבינו איז געקומען פון די טייערע שטיקלעך 'סנפרינון שטיינער' וואס איז איבערגעבליבן נאכדעם וואס ער האט אויסגעשניצט די לוחות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ***פְּסָל לְךָ***, דרש'ענט די גמרא 'פסלתן יהא שלך', די איבערגעבליבענע שטיקלעך איז פאר דיר.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער אויבערשטער געוואלט משה רבינו זאל רייך ווערן דוקא דורך די איבערגעבליבענע שטיקלעך פון די לוחות, און נישט דורך אן אנדערע וועג?

**מען** קען ערקלערן אז דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן דערמיט, אז משה רבינו איז געווען בארעכטיגט מיטן צוברעכן די ערשטע לוחות, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (שבת פז.) דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ''יפה כחך ששברת'. און דער אויבערשטער האט צוגעשטימט צו אים אז מען זאל מאכן א פרישע לוחות.

**נישט** נאר דאס, עס איז געווען פאר די טובה פון כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (שמות רבה מו, א) 'אמר משה, אם אין אני משבר את הלוחות אין לישראל עמידה'. און דאס וואס עס איז ארויסגעקומען א טובה פאר משה רבינו פון די נייע לוחות, איז א סימן אז דער אויבערשטער האט מסכים געווען צו אים מיטן צוברעכן די פריערדיגע לוחות.

(**אות** כ"ו ד"ה ועוד ועיי"ש)

## מדריגה פון פסק'ענען 'הלכה פסוקה'

**וַיְהִי בְּרֶדֶת מֹשֶׁה מֵהַר סִינַי וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיַד מֹשֶׁה בְּרִדְתּוֹ מִן הָהָר וּמֹשֶׁה לֹא יָדַע כִּי קָרַן עוֹר פָּנָיו בְּדַבְּרוֹ אִתּוֹ** (לד, כט). מען קען ערקלערן א טעם פארוואס משה רבינו האט זוכה געווען אז זיין פנים האט אויפגעשיינט און געלאכטן.

**וויבאלד** משה רבינו האט געלערנט אויבן אין הימל פערציג טעג און נעכט תורה שבעל פה, און דורכדעם איז ער צוגעקומען צו קענען פסק'ענען 'הלכה פסוקה' (מען זאל פסק'ענען און אננעמען אזוי ווי אים), דעריבער האט ער זוכה געווען צו א הויכע מדריגה פון השראת השכינה.

**און** אלס סימן האט דער אויבערשטער געמאכט זיין פנים זאל שיינען און לייכטן, צו ווייזן פאר כלל ישראל אז אויב וועלן זיי לערנען ריכטיג, וועלן זיי אויך צוקומען צו קענען פסק'ענען 'הלכה פסוקה', און וועלן אויך זוכה זיין צו השראת השכינה. (פרשת תרומה אות א' ד"ה ובזה)


ניי נאוועמבער
קול זרע שמשון
פאר אידיש דרוקט 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועות • נייעס און אפדעיט'ס •
שמעו ותחי נפשכם
פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:
לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
ענגליש: 3-1 פאר אינהאלטסרייכע אינטערוויוס 1-1-5



ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: ארץ ישראל הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
אמעריקע הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו
זרע שמשון ע"ר 580624120